גליון
# באור החיים

פרשת כי תצא - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"ז

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ח ר' **יעקב יוסף כהנא** שליט"א
משב"ק אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
לע"נ אביו הרה"ח ר' **ניסן משה בן ר' שלום** ע"ה - יארצייט ביום ט"ז אלול - ג' תבוא הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **צבי מרדכי ארגעל** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### גם בדברים גשמיים צריכין לכוון לעבודת השי"ת

**כי את הבכור וגו' יכיר לו לתת לו פי שנים.**

במדרש פרשת בא (שמו"ר ט"ו כ"ז) ד"א למה נקרא ישראל בני בכורי, לפי שכתוב בתורה כי את הבכור בן השנואה יכיר לתת לו פי שנים, כך ישראל יורשים שני עולמות העולם הזה והעולם הבא.

הכוונה בזה שיורשים שני עולמות, כתבו בספרים הק' כי מה שהאדם עוסק בענינים רוחניים בתורה ותפלה, זה חלק עולם הבא שלו, ומה שעוסק בענינים גשמיים, זה חלק עולם הזה שלו, ובני ישראל יפה כחם בזה, שגם כאשר עוסקים בענינים גשמיים באכילה ושתי' וכדומה, מכוונים לעבודת הבורא, וזה הכוונה שהם יורשים שני עולמות, היינו שהם עובדים את ה' בשני חלקי העולם, ועל שם זה נקראו בשם בני בכורי, מפני שעובדים את ה' בכפליים.

וזהו עיקר חשיבות העבודה לפני הקב"ה, שאף כאשר האדם עוסק בענינים גשמיים, אינו נמשך לכוין בהם להנאת גופו כי אם לקיים מצות ה', ועל ידי עבודה זו, זוכה האדם להתעלות ולבוא לידי קדושה גדולה.

(עבו"ע פתג"ק שמות)

### הדורש לרבים צריך לחזור על דברי הצדיקים

**דרש ידרשנו ה' אלקיך מעמך.**

פירשו צדיקים בזה, 'דרש' אם באת לדרוש לפני הצבור, 'ידרשנו ה' אלקיך מעמך' ידרוש ה' אלקיך ויתבע ממך את הדברים אשר אתה דורש לפני הציבור, כי הקב"ה מעיין במעשיו של הדורש, אם הוא מקיים בעצמו את אשר הוא דורש לפני אחרים.

משא"כ אם חוזר ומשנן את דיבורי הצדיקים הק', אינו שייך ענין זה, שהרי אינו דורש מעצמו דבר, ואינו אלא מסייע את בני ישראל, להתעורר מדיבורי קודש שכבר נאמרו מפי הצדיקים הק', וזה דרכנו תמיד, לחזור את דיבורי קודש של הצדיקים, ולהתחזק בהם, ולא לחדש פירושים באנו.

(עבו"ע פתג"ק נח)

### להזהר בקדושת היסוד

**אשר קרך.**

פרש"י אשר קרך, לשון קרי וטומאה שהיה מטמאן במשכב זכור, וכן על ויזנב בך דרשו חז"ל ומובא ברש"י מכת זנב חותך מילות וזורק כלפי מעלה.

על כן אחד מעיקרי היסודות, אשר מוטל על האדם ללחום בזה מלחמת עמלק שבכל דור ודור, הוא בענין קדושת היסוד, ובפרט בדור הזה שמתגבר מאוד כח קליפה זו, כי כמו שקליפת מצרים היתה בפגם הברית, כמו שנקראת בתורה ערות הארץ, כמו כן בגלות הזה מתגברת קליפה זו מאוד, כי הגלות הזה שהיא גלות הרביעית גלות אדום, כוללת כל הארבע גליות כידוע, (בני יששכר כסלו מאמר ב' אות כ"ה) על כן נכללת בה גם גלות מצרים ערות הארץ, לכן מוטל חוב גדול על כל אדם לשמור נפשו ונפש בניו לנטוע בהם יראת שמו יתברך בקדושה וטהרה.

(עבו"ע דב"ק כי תצא)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

ושבתי בבית ה', איך זאל קענען זיצן אין ביהמ"ד, לאורך ימים, פאר לאנג. איך זאל קענען לערנען לאנג, און דאווענען לאנג.

(שפת"ק בחקתי - א')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י הר"ר **יחיאל מיכל קליין** שליט"א (קרית יואל)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן יעקב מרדכי ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דורך די כח פון אחדות קען מען מנצח זיין אלע שונאים

כי תצא למלחמה על איביך ונתנו ה' אלקיך בידך, ווערט געברענגט אין ספרי אויף דעם פסוק, כי תצא למלחמה, אם עשית כל האמור בענין סוף שה' אלקיך נותנו בידך, וואונדערן זיך די מפרשים, וואס איז פשט אם עשית כל האמור בענין, עס שטייט דאך גארנישט וואס מען דארף טון, עס שטייט נאר כי תצא למלחמה על איביך, און מיט דעם אליין, ונתנו ה' אלקיך בידך, און אויב איז די כוונה אויף דאס וואס שטייט אין די פרשה אין די ענין פון אשת יפת תואר, דאס קען מען דאך מקיים זיין נאר נאך דעם וואס ונתנו ה' אלקיך בידך.

אויך זענען די מפרשים מדייק, אז אין פרשת בהעלותך שטייט, וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם, והרעותם בחצוצרות ונזכרתם לפני ה' אלקיכם ונושעתם מאויבכם, איז משמע פון דעם אז זיי וועלן דארפן מעורר רחמים זיין כדי צו מנצח זיין אין די מלחמה, משא"כ דא שטייט סתם כי תצא למלחמה על איביך און גלייך ונתנו ה' אלקיך בידך, אן דעם וואס זיי וועלן דארפן מעורר רחמים זיין אויף דעם, דארף מען פארשטיין וואס איז די חילוק פון די צוויי פרשיות.

זענען די ספרים הק' מבאר, לויט ווי עס איז ידוע, אז אידישע קינדער מצד נשמותיהם, זענען איין קומה שלימה פון רמ"ח אברים ושס"ה גידים, און נאר מצד זייער גוף זענען זיי צוטיילט, און אויב אידישע קינדער פירן זיך באחדות, און זענען מקושר צוזאמען אזוי ווי זיי זענען מצד נשמותיהם, האבן זיי א מורא'דיגע כח צו מכניע זיין אלע זייערע שונאים, און קיין שום אומה ולשון קען נישט שולט זיין אין זיי, ווייל זיי זענען איין קומה שלימה, אבער אויב פירן זיי זיך מיט א פירוד לבבות, אזוי ווי זיי זענען מצד זייער גוף, דעמאלטס איז זייער כח זייער שוואך, און דארפן צוקומען צו מעורר רחמים זיין כדי צו קענען מנצח זיין א מלחמה.

און דאס זאגט די פסוק אין די פרשה, כי "תצא" למלחמה על "איביך" אין א לשון יחיד, דאס מיינט אז מען וועט ארויסגיין אין מלחמה כאיש אחד בלב אחד, מיט א התקשרות הלבבות און התאחדות הנפשות, דעמאלטס וועט זיין ונתנו ה' אלקיך בידך, אן דעם וואס מען וועט דארפן מעורר רחמים זיין ווייל מיט די כוח פון א קומה שלימה וועלן זיי מנצח זיין במלחמה אויף די אלע וואס שטייען אויף קעגן זיי.

אבער אין פרשת בהעלותך שטייט כי "תבואו" מלחמה "בארצכם" על הצר הצורר "אתכם", אלעס בלשון רבים, דארטן רעדט מען אויף א אופן וואס אידישע קינדער זענען נפרד איינער פונעם צווייטן, און מען קומט אין מלחמה אן קיין אחדות הלב, דעמאלטס וועלן זיי דארפן מעורר רחמים זיין צו קענען מנצח זיין במלחמה.

און לויט דעם קען מען זאגן, אז דאס איז די כוונה פונעם ספרי, "אם עשית כל האמור בענין סוף שה' אלקיך נותנו בידך", און דאס וואס שטייט אינעם ענין "תצא" למלחמה על "איביך" א לשון יחיד, אז זיי וועלן ארויסגיין אין מלחמה כאיש אחד בלב אחד, וואס דאס איז א מורא'דיגע זאך וואס שטייט דא אינעם ענין, ווייל כדי דאס צו משיג זיין צו זיין באחדות, דארף מען ארבעטן אן עבודה קשה, און ווען מען וועט זוכה זיין צו דעם, איז דער פסוק מבטיח, ונתנו ה' אלקיך בידך, ווייל וויבאלד זיי זענען איין קומה שלימה, איז זייער כח זייער גרויס, צו קענען מנצח זיין אלע זייערע שונאים.

(עבו"ע פתג"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **שלמה גוטמאן** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### כי תצא למלחמה, במלחמת רשות הכתוב מדבר (רש"י).

אין ספה"ק חובת הלבבות שטייט, אז עס איז נישט דא א זאך וואס איז א רשות, ווייל יעדע זאך וואס א מענטש טוט אויף די וועלט, איז אדער א מצוה, אדער אן עבירה. אבער דער יצר הרע וויל יא איינרעדן פאר'ן מענטש אז דאס וואס ער גייט יעצט טון איז נישט קיין עבירה, נאר א רשות.

דאס איז פשט אין רש"י, במלחמת "הרשות" הכתוב מדבר, אז די מלחמה מיטן יצר הרע איז איבער זאכן וואס ער מאכט פאר א רשות.

(שר שלום)

### הקם תקים עמו.

ווען א איד העלפט ארויס א צווייטן איד ווערט ער אליין אויך געהאלפן, קומט אויס אז ער זעלבסט האט נאך מער הנאה דערפון ווי זיין חבר.

דאס איז דער פסוק מרמז, "הקם תקים", ווען דו העלפסט פאר יענעם, "עמו", העלפט מען זיך אליין

(שפת אמת)

### מוצא שפתיך תשמור ועשית.

פון די פסוק איז מרומז אז דער וואס היט זיך אפ זיין מויל פון רעדן דברים האסורים, האט די זכי' אז "ועשית", ווי אזוי ער זאגט ארויס פון מויל דאס ווערט מקויים, ותגזור אומר ויקם לך.

(היכל הברכה)

### זכור את אשר עשה לך עמלק.

מען געפינט אין די גמרא סימנים וויאזוי צו געדענקען פארשידענע מאמרי חז"ל. אין מסכת בבא בתרא (דף מ"ו ע"ב) געפונען מיר א גמרא וואס רעדט זיך פון א ע'רב, מ'לוה, ל'וה, ק'בלן, זאגט די גמרא, א סימן צו געדענקען די גמרא, אז די ר"ת פון די אותיות זענען עמל"ק.

לכאורה איז א גרויסער חידוש אז די גמרא זאל מאכן א סימן צו געדענקען, מיט עמלק וואס די תורה זאגט אויף אים "תמחה את זכר עמלק לא תשכח" נאר עס קען זיין פשט אז חז"ל האבן געטראפן א רמז דערצו אין די תורה, ווייל אין די פסוק "לא תשכח" איז דא אויפן "לא" א טפחא, וואס האקט אפ פון די קומענדיגע ווארט, ווען מ'לייענט תשכח באזונדער איז דאס טייטשט "תשכח", אז אמאל מעג מען פארגעסן פון די מצוה פון מחיית עמלק און אים יא דערמאנען, פון דא האבן חז"ל גענומען אז ס'איז דא אמאל וואס מ'מעג אים יא דערמאנען.

א ראיה דערצו קען מען ברענגען פון זוהר הקדוש וואס זאגט, אז ביי די עשרת הדברות שטייט ביי "לא תרצח" א טפחא צו ליינען באזונדער, "תרצח", ס'איז דא אמאל ווען ס'איז יא ערלויבט צו הרג'נען, ווי למשל דורך 'בית דין'.

(רבי יעקב עמדין)

## א מעשה אויף די פרשה

### וכן תעשה לכל אבידת אחיך.

א איד האט אמאל פארלוירן זיין טלית ותפילין, און ווען ער איז אריינגעקומען צום ראפשיצער רב זי"ע, האט אים דער ראפשיצער רב געוואלט בארואיגן, זאגענדיג, זאגענדיג בדרך צחות, "דו ביסט דאך מודה אז דער טלית איז געווען פון טערקי', א טערקיש טלית, און איין פאהר תפילין איז רש"י'ס תפלין, און איין פאהר פון רבינו תם, ממילא וואס 'האסטו' פארלוירן? נאר דאס זעקל, דאס אליין איז נישט אזוי געפערליך". נאכן שמייכלען האט אים דער ראפשיצער רב אנגעוואונטשן צו טרעפן זיין טו"ת, וועלכע דעם ברכת צדיק איז ווי פארשטענדליך תיכף פארווירקליכט געווארן.

*

### לא תחרוש בשור ובחמור.

ווען דער הייליגער בעל התכלת זצ"ל איז געווען א אינגערמאן, איז ער אמאל דורכגעפארן א שטאט, אריינגייענדיג אינעם שטאט'ישער בית המדרש האט ער געזעהן ווי נאר די ארימעלייט זענען אין ביהמ"ד.

ווען דער גאון האט זיך פאראינטערעסירט וואס עס גייט פאר, איז ער געוואויר געווארן אז דער גביר פון שטאט מאכט היינט נאכט חתונה זיין זון, און ער האט איינגעלאדענט די גאנצע שטאט צו די סעודה, אויסער די געצייל־טע הונגעריגע ארימעלייט, האט ער נישט אריינגעלאזט צו די סעודה.

האט דער גאון געזאגט פאר זיי אז זיי זאלן מיטקומען מיט אים, און צוזאמען מיט די ארימעלייט איז דער בעל תכלת געגאנגען צום הויז פונעם גביר אנקומענדיג אהין, האט דער גאון אריינגעקלאפט צום גביר, פון דעם אנדערן זייט טיר האט זיך געהערט דאס קול פונעם מחותן דער גביר, ווי ער האט געשריגן, מיר לאזן נישט אריין קיין אומגערופענע געסט! די איינגעלאדנטע געסט זענען שוין אלע דא, מער לאזן מיר נישט אריין!

האט דער גאון געפרעגט, איז דא א רב צווישן אייך? איך האב א שווערע שאלה צו פרעגן, איז דער רב געקומען צום טיר, און אונטער אים איז געשטאנען דער גביר וואס האט אויך געוואלט הערן די קשיא.

האט דער גאון געפרעגט דעם רב, אפשר קען איך וויסן דעם טעם פארוואס די תורה זאגט "לא תחרוש בשור וחמור יחדיו"? האט דער רב געענטפערט אז "ס'איז א גזירת הכתוב, און נישט יעדע מצוה האט א טעם".

האט אבער דער גאון געזאגט אז איך האב יא א טעם דערויף, "ווייל דער טבע פונעם אקס איז אז ער איז מעלה גרה, און אז מען וועט אקערן צוזאמען מיט א אייזל וואס איר טבע איז נישט מעלה גרה צו זיין, וועט דאס אייזל וואס האט שוין לאנג געענדיגט עסן, א גאנצע צייט זעהן ווי דער אקס האלט נאך אינמיטן עסן, וועט דאס אייזל ווערן אויפגערעגט אז ער האט נישט וואס צו עסן, און כדי דאס אייזל זאל נישט צוקומען צו קיין צער, האט די תורה אנגעזאגט, לא תחרוש בשור וחמור יחדיו"!

מיט דעם האט דער גאון אויסגעפירט צום רב, פון דעם קענען מיר זיך לערנען א מוסר השכל פון א קל וחומר, "מה-דאך אויף א בהמה האט די תורה רחמנות געהאט, און נישט געשטעלט נעבן דעם אקס כדי עס זאל אים נישט וויי טון צו זעהן ווי יענער עסט און ער נישט, איז דאך אוודאי ווי שטארק מ'דארף אכטונג געבן צווישן מענטשן, און נישט ווי טון פאר די ארימעלייט, און זיי נישט רודפ'ן".

ווען דער מחותן האט דאס געהערט וואס דער גאון האט געזאגט, האט ער אריינגערופן די ארימעלייט, און זיי מכבד געווען און געגעבן צו עסן אזוי ווי אלע געסט.

*

### מוצא שפתיך תשמור.

אמאל האט זיך א גרויסער גביר משדך געווען מיט א געוויסן איד, וועלכע האט לכבוד דעם שידוך צוגעזאגט א גרויסע סומע געלט פארן נדן.

ווען דער זמן החתונה איז אנגעקומען, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מחותן האט נישט מקיים געווען זיין צוזאג און נישט געגעבן די צוגעזאגטע נדן.

ווען דער מחותן האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער האט צוגעזאגט א סכום פאר נדן וואס ער האט געוויסט אז ער קען נישט באצאלן, האט אים דער איד געענטפערט, מיר זעהן אז ביי די קרבנות וואס מ'רעכנט אים פארן דאווענען, רעכנט מען אויס אלעם, אויסער דעם קרבן וואס די ארימעלייט האבן געברענגט.

די סיבה דערצו קען זיין, וויבאלד מ'זאגט נאך די קרבנות "ונשלמה פרים שפתינו", אז מיטן זאגן אליין זאל עס שוין זיין אזוי ווי מקריב געווען, נו אז

המשך בע' ה

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **יושע פייגעל** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## חודש אלול

### לדוד ה' אורי וישעי (ב)

ט

**שאלה: עס זענען דא וואס פירן זיך אז זיי זאגן בכלל נישט לדוד ה' אין חודש אלול, האבן זיי א מקור צו דעם?**

**תשובה:** עס זענען געווען צדיקים וואס האבן בכלל נישט געזאגט לדוד ה' חודש אלול נאכן דאווענען, און זייער טענה איז אז דאס ווערט נישט געברענגט נישט אין שלחן ערוך, און נישט אין די כתבים פונעם אר"י הקדוש זי"ע, און דאס ווערט נאר געברענגט אין ספר חמדת הימים, וואס אסאך צדיקים האבן מפקפק געווען אויף דעם.

### מנהג הצדיקים שלא אמרו

עס איז דא א בריוו פון הרה"ק מראזלא זצ"ל וואס ער שרייבט, עס איז באוואוסט אז דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע, און זיינע הייליגע תלמידים, דער יהודי הקדוש זי"ע, און הרה"ק פון זידיטשוב זי"ע, און הרה"ק פון ראפשיץ זי"ע האבן נישט געזאגט לדוד ה' אורי וישעי אין חודש אלול, און אויך דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט דאס נישט געזאגט, צוליב די פריערדיגע טענה (נדפס בריש ספר לב שמח החדש, ועיין בשו"ת דברי משה.

און אזוי אויך איז באקאנט אז הרה"ק פון אפטא און זיינע הייליגע קינדער זי"ע, און דער הייליגער קאמארנא'ער זי"ע האבן דאס נישט געזאגט.

### מנהג הרה"ק מ'שינאווא זי"ע

עס איז אינטערסאנט אנצומערקן אז דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, כאטש זיין טאטע דער הייליגער צאנזער רב האט עס נישט געזאגט, האט ער זיך געפירט יא צו זאגן.

עס ווערט געברענגט אז איינער פון די איינקלעך פון שינאווא רב האט געזאגט, אז דער שינאווא רב האט געזאגט, אז כאטש ער האט 18 טעמים פארוואס מען זאל נישט זאגן לדוד ה' אורי וישעי, און אויך זיין טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט דאס נישט געזאגט, פונדעסטוועגן האט איס באוואויגן איין טעם אז ער זאל יא זאגן, און דער טעם איז, וויבאלד עס איז אנגענומען ביי אלע אידן אין דער וועלט אז מען זאגט עס יא, איז דאס א מנהג ישראל, און ער וויל נישט משנה זיין פון מנהג ישראל (קובץ עץ חיים, באבוב י"ח עמוד תל"א).

### מנהג הגר"א

אויך דער הייליגער גר"א האט נישט געזאגט לדוד ה', וויל ער גייט לשיטתו (במעשה רב סימן ס"ו) אז מען טאר נישט זאגן פסוקים און מזמורים בציבור וואס מען האט דאס נישט קובע אלץ חלק פונעם דאווענען, ווי למשל דער שיר של יום, וואס מען האט דאס קובע געווען א חלק פון דאווענען, און אזויווי די קאפיטל "לדוד ה'" האט מען נישט קובע געווען אז דאס זאל זיין א חלק פון דאווענען, מען זאגט עס נאר חודש אלול, דעריבער טאר מען דאס נישט זאגן (מעשה רב אות נ"ג).

### מנהג רבינו הקדוש זי"ע

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט זאגן אז ביים הייליג'ן סבא קדישא זי"ע, פלעגט מען יא זאגן לדוד ה' אין חודש אלול, כאטש מען האט דאס נישט געזאגט אין זידיטשויב און אין קאמארנא, און ער האט געזאגט דעם טעם, וויבאלד דער עולם זאגט עס מיט א התעוררות, דעריבער וויל ער נישט אז עס זאל בטל ווערן די התעוררות.

### דרך אגב

עס איז כדי אנצומערקן אז רבינו הקדוש זי"ע האט זיך געפירט אז א גאנץ יאר יעדן טאג נאכן דאווענען שחרית, פלעגט ער זאגן "לדוד ה'" נאכן זאגן פרשת היראה, און פרשת התשובה, און די מקור דערפון איז פון די חיד"א, אז דער וואס זאגט יעדן טאג נאכן דאווענען לדוד ה' אורי וישעי ימצא חיים (עבודת הקודש ח"א אות ל"ז, וסוף סנסן ליאיר).

י

**שאלה: איינער וואס באמת פירט ער זיך אז מען זאגט עס יא, מעג ער זיך פארלאזן אויף די צדיקים וואס האבן זיך געפירט עס נישט צו זאגן?**

**תשובה:** איינער וואס באלאנגט צו א קהלה וואס מען זאגט עס יא, אזוי אויך אויב דער פון מנהג אבותיו ורבותיו עס יא צו זאגן, טאר נישט משנה זיין.

יא

**שאלה: איינער וואס פירט זיך צו זאגן לדוד ה', און ער דאווענט אין א שול וואס דארט פירט מען זיך אז מען זאגט עס נישט, זאל ער זאגן אזוי ווי זיין מנהג איז, אדער טאר ער משנה זיין ממנהג המקום, און טאר עס נישט זאגן וועגן לא תתגודדו?**

**תשובה:** אין שו"ת דברי משה (סימן ל"ה) שטייט אז מען קען זאגן, און ס'איז נישט שייך ביי דעם דער איסור פון לא תתגודדו, וויבאלד ער זאגט עס פאר זיך אליין, און ער זאגט נישט פאר אנדערע מענטשן אז זיי זאלן אויך אזוי טון, און קיינער דארף אפילו נישט וויסן אז ער זאגט, ממילא איז ביי דעם נישט שייך דער איסור פון לא תתגודדו.

**באמערקונג**

אויב ער דאווענט פארן עמוד, זאל ער נישט זאגן ביים עמוד "לדוד ה'" און אודאי זאל ער נישט זאגן קדיש נאכדעם, ווייל דאס קען שוין זיין א איסור פון לא

תתגודדו.

### יב
### שאלה: נאכן זאגן לדוד ה' דארף דער בעל תפלה זאגן קדיש?

**תשובה:** דער מטה אפרים און דער משנה ברורה שרייבן אז נאכן זאגן לדוד ה' זאגט מען קדיש (מ"ב ס"ק ב'), עס איז משמע אז דער בעל תפלה דארף זאגן קדיש אפילו ער איז נישט א חיוב.

אבער רביה"ק זי"ע האט זיך געפירט, אז ווען ער האט געדאווענט ביי זיך אין המדרש א גאנצע וואך, און עס איז נישט געווען א חיוב, האט ער נישט געזאגט קדיש, און אויב עס איז געווען א חיוב האט דער חיוב געזאגט קדיש, און דאס האט זיך געקענט טרעפן יעדע ערב שבת ביי מנחה, אדער שבת בייטאג ביי מנחה, וואס עס זענען געווען חיובים, האבן די חיובים געזאגט קדיש נאך לדוד ה'.

שבת בייטאג האט מען געזאגט לדוד ה' ביי מוסף נאך עלינו, און מען האט נישט געזאגט קדיש, נאר נאכן זאגן אנעים זמירות, און די קדיש איז ארויפגעגאנגען אויף ביידע.

אזוי אויך ראש חודש וואס מען זאגט ברכו נפשי נאך מוסף, האט מען נישט געזאגט קדיש צווישן לדוד ה', און ברכו נפשי (מטה אפרים ס"ו).

### יג
### שאלה: פרויען וואס דאווענען יעדן טאג, זאלן אויך זאגן "לדוד ה"?

**תשובה:** לויט אלע טעמים וואס ווערט געברענגט אויף דעם ענין פון זאגן לדוד ה' אין חודש אלול, איז דאס שייך אויך פאר פרויען, און אויך די גרויסע סגולות דערפון איז שייך פאר זיי.

און כאטש מען זאגט אין דעם קאפיטל "אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו", וואס דאס איז לכאורה שייך נאר פאר מענער, פונדעסטוועגן איז די תפלה שייך אויך פאר פרויען, אז זיי זאלן זוכה זיין צו מענער און צו קינדער וואס זאלן זוכה זיין צו די תפלה פון אחת שאלתי מאת ה'.

### כתיבה וחתימה טובה

# באור התפילה
נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

### כי תצא למלחמה על אויביך.

עס ווערט געברענגט אין ספה"ק אמרי נועם, אז די פסוק רעדט דא פון די שווערע מלחמה וואס די אידישע קינדער האבן אין דעם טאג ראש השנה מיט די ס"מ און אלע מקטריגים, ווי פארשטענדליך איז די עיקר מלחמה צו דאס יאר זאל שוין זיין דער גליקליכער אויסגעוואורטעטע יאר אז ס'זאל שוין זיין די גאולה שלימה, און אזוי אויך אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, וואס די ס"מ און די מקטריגים ווילן אלעס אפהאלטן און ח"ו פארקערט זיי ווילן גוזר זיין צרות אויף אידישע קינדער.

דער הייליגער רב ייבי אין זיין קונטרס מורא מקדש ברענגט פונעם ספר דרך משה, אז ווען דער שטן קומט מקטרג זיין אז אידן זענען נישט נזהר אין כבוד ביהמ"ד וויל מ'רעדט ביים דאווענען, האט דער אייבערשטער כביכול נישט קיין תירוץ צו פארענטפערן די אידן, ווייל להבדיל די גוים אין זייערע תיפלות שטייען מיט א פחד פאר זייער אפ-גאט.

דעריבער לאמיר זיך שטארקן און האלטן פארמאכט דאס מויל, און מדה כנגד מדה וועט דער אייבערשטער מקיים זיין דעם סתום פיות משטיננו ומקטריגנו, און דער אייבערשטער וועט אונז אנשרייבן א גוט יאר, און אז משיח צדקינו זאל אונז שוין קומען אויסלייזן במהרה בימינו, אמן.

המשך מע' ג

מען דארף נאר זאגן און נישט באצאלן, פארוואס זאל מען זאגן ווי אן ארימאן? זאגט מען ווי א עושר, ווי די וועלט זאגט "צוזאגן און ליב האבן קאסט נישט קיין געלט". ודפח"ח.

*

### אבן שלמה וצדק יהיו לך.

אין א געוויסע שטאט איז געווען א לענגערע צייט וואס עס האט נישט גערעגנט, און אפי' מען האט גוזר תענית געווען, האט נאך אלץ נישט גערעגנט.

יענע נאכט האט דער רב פון שטאט גע'חלומ'ט ווי מ'זאגט אים פון הימל, ווער פון די שטאט עס האט די ריכטיגן כח אויסצובעטן פאר רעגן.

אינדערפרי האט דער רב געלאזט רופן דעם מענטש, און אים מכבד געווען מיטן דאווענען פארן עמוד, אבער ער האט נישט געוואלט, זאגענדיג אז ער איז נישט צוגעפאסט פאר דעם פאזיציע. נאכדעם וואס דער רב האט גוזר געווען בגזירת אב בית דין אז ער מוז דאווענען, האט ער געבעטן ערלויבעניש אהיימצוגיין, און ער איז צוריקגעקומען מיט זיין וואגשאל אין זיין האנט, און צוגעגאנגען צום עמוד און געזאגט, "רבוש"ע, די צוויי טעפלעך פון די וואגשאל איז אקעגן די צוויי אותיות ה' פון דיין נאמען, דער מיטעלסטער שטעקן איז קעגן די וי"ו, די הענטלעך וואס האלטן די וואגשאל איז קעגן די יו"ד, רבוש"ע אויב איך האב קיינמאל נישט געפעלטשט אין דיין נאמען און געהיטן אז מיין וואגשאל זאל זיין גאנץ און ערליך, זאלן די אידן געהאלפן ווערן"

באלד האבן זיך באוויזן וואלקענעס, און א שלאקס-רעגן האט זיך אראפגעלאזט. דאן האבן אלע געזעהן דאס חשיבות פון אפהיטן א ריכטיגן וואגשאל.

המשך מאמר בענין:

# בנין בית המקדש השלישי

הרי שאף בפועל לא נעשתה שריפת בית המקדש על ידם, אלא הקדוש ברוך הוא שלח אש ממרומיו להצית את בית הבחירה, והם לא שרפו אלא בית השרוף מכבר, ולכן מובן מה שאמרו בגמרא שאומר הקדוש ברוך 'אני הצתי' אש בציון', כי אכן בפועל ממש לא היה השריפה אלא על ידי הקדוש ברוך הוא.

וממילא לפי זה, אף בנייתו במהרה בימינו, תהיה גם כן על ידו ממש של הקדוש ברוך הוא, וכשיטת רש"י, שירד בית מקדשנו ותפארתנו בנוי ומשוכלל ברוב פאר והדר.

## ההוכחה כשיטת הרמב"ם מהצורך בארבעה חרשים לבנות את הבית השלישי

לאידך גיסא ישנן הוכחות אף לשיטת הרמב"ם, ומצאו האחרונים כמה מקומות בדברי חכמינו ז"ל, שיש להוכיח משם כדברי הרמב"ם.

הערוך לנר (סוכה מא. בדר"ה אי נמי) הביא להוכיח בזה כדעת הרמב"ם, מדברי הגמרא (סוכה נב:): "ויראני ה' ארבעה חרשים, מאן נינהו ארבעה חרשים, אמר רב חנא בר ביזנא אמר רבי שמעון חסידא, משיח בן דוד, ומשיח בן יוסף, ואליהו, וכהן צדק", וכתב רש"י (בד"ה חרשים): "חרשים - אומנים, משיחים שניהם חרשים לבנין בית המקדש", הרי מפורש בדברי חכמינו ז"ל כי משיח בן דוד ומשיח בן יוסף הינם חרשים שיבואו לבנין בית המקדש, ומוכח כדעת הרמב"ם.

אמנם מכאן יש להעיר גם על דברי רש"י עצמו, כי הרי בדברי רש"י מפורש כי בית המקדש ירד כלול בהדרו מן השמים, ואילו כאן פירש רש"י שצריכים להיות חרשים לבנות את בנין בית המקדש.

והיו שביארו בזה, כי הרי עצם הדברים תמוה ביותר, כי בסוגיית הגמרא שם (סוכה נב.) מבואר להדיא, כי משיח בן יוסף ייהרג עוד במלחמת גוג ומגוג, ואיך יתכן לבאר כפשוטו כי משיח בן יוסף יבנה בפועל את בנין בית המקדש, והרי לא יהא זה אלא אחר שכבר ייהרג.

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים ועניינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

על כרחנו לבאר, כי אין הכוונה על בנייה גשמית בפועל, אלא הכוונה על בניית הבית במובן רוחני, וממילא שוב אין כל סתירה בדבר לדעת רש"י, כי אין הכוונה על בני' בפועל, אלא על בני' רוחנית במעלות הקדושה.

## הוכחה כשיטת הרמב"ם מציווי הקב"ה ללמוד את צורת הבית השלישי בכדי לידע את תבניתו

הוכחה נוספת לשיטת הרמב"ם היא מדברי הכתוב (יחזקאל מג, יא): "ואם נכלמו מכל אשר עשו צורת הבית ותכונתו ומוצאיו ומובאיו וכל צורתיו ואת כל חקותיו וכל צורותיו וכל תורותיו הודע אותם וכתוב לעיניהם וישמרו את כל צורתו ואת כל חקותיו ועשו אותם", וכתב רש"י: "ילמדו עניני המדות מפיך, שידעו לעשותם לעת קץ", הרי שהזהיר הכתוב ללמד את צורות הבית השלישי שנאמרו בנבואתו של יחזקאל, בכדי שידעו לעשותו כראוי בהגיע קץ הגאולה.

כאן שוב מוצאים אנו סתירה חמורה בדברי רש"י עצמו, כי אף כאן הזכיר רש"י אודות הצורך ללמוד את מידות הבית, בכדי שיוכלו לבנותו לעת קץ.

אמנם יש מקום לדחות, כי לעולם אין כוונת הכתוב על הצורך ללמוד את מידות הבית השלישי בכדי שיוכלו לבנותו בפועל, אלא הכוונה על ידיעת מידות הבית השלישי לצורכי בניית הבית השני בפועל, שהרי נבואתו של יחזקאל נאמרה אחר חורבן בית הראשון בגולת בבל, וממילא אף כי תוכן הנבואה ללא כל ספק מכוונת על הבית השלישי וכמו שהזכרנו בתחילת הדברים, מכל מקום מאחר ואמרו חכמינו ז"ל (מידות פ"ב מ"ה) כי בבית שני היו דברים שלא נעשו כבנין הבית הראשון אלא דוגמת הבית השלישי, לכן יש מקום לצוות על ידיעת צורת הבית השלישי בכדי לידע את צורת בנייתו של הבית השני.

## דיוק לשון התוספתא כשיטת הרמב"ם

עוד הביאו להוכיח מלשון התוספתא (פסחים פ"ח ה"ד): "ניתן להן לישראל לבנות בית הבירה, היחיד עושה פסח שני ואין הצבור עושה פסח שני, רבי יהודה אומר, אף הצבור עושה פסח שני", והובא בירושלמי (פסחים פ"ט ה"א). מדויק מלשון 'ניתן להן לישראל לבנות בית הבירה', כי בנין הבית השלישי עתיד להיבנות בפועל על ידי ישראל, ולא כשיטת רש"י שירד בנוי בהדרו משמי מרום.

אך אין הכרח גמור להכריע כשיטת הרמב"ם, הואיל ואין הלשון מכוון בהכרח עד תכלית משמעותו.

## ביאור דברי הגמרא שיוכלו לבנות את בית המקדש בלילה או ביום טוב אף שאסור לבנותו אז לפי דעת הרמב"ם

מעתה יש לנו לעיין לפי שיטת הרמב"ם, כיצד יפרנס את דברי הגמרא שהבאנו למעלה, בו מבואר כי יוכלו לבנות את בית המקדש ביום טוב, וכן יוכלו לבנות את בית המקדש בלילה, מאחר ואסור לבנות את בית המקדש בלילה, וכן אסור לבנות את בית המקדש ביום טוב.

המאירי (סוכה מא. בד"ה ולענין ביאור) עמד על הקושי שבדבר, וכתב לבאר, כי הנה בסוגיית הגמרא (שם) התבארו שני מהלכים בביאור הטעם שאסר רבן יוחנן בן זכאי שיהא יום הנף כולו אסור, האם הוא מחשש שיבנה בית המקדש ולא ידעו שיש לאסור אכילת החדש עד הבאת העומר, שזה רק אם יש לחוש שיבנה ביום טוב או בלילה, או כמהלך השני שהובא שם, כי אין מדובר בתקנה אלא בעיקר הדין, כי שיטת רבי יהודה לאסור את יום הנף כולו לאכול חדש. וחידש המאירי, כי אין מדובר בשני מהלכים, אלא מדובר בהוה אמינא ובמסקנא, שהמהלך הראשון הוא רק הוה אמינא, אך למסקנא נדחה המהלך והתקבל רק המהלך השני שהוא מעיקר הדין, וממילא למסקנא אכן אין חוששים שיבנה בית המקדש ביום טוב או בלילה, והיינו כי לא שייך לבנותו בזמנים אלו.

המשך בשבוע הבא אי"ה

## כי תצא למלחמה על אויביך, פרש"י במלחמת רשות הכתוב מדבר

אין שטאט טשערנאביל איז אמאל אנגעקומען א גרויסע בעל דרשן וואס איז געווען באוואוסט מיט זיינע שיינע דרשות, איז מען געגאנגען דערציילן פאר דער הייליגער מאור עינים פון טשערנאביל זי"ע אז דער בעל דרשן איז אין שטאט, און בין הדברים האט מען אויך זייער אויסגעלויבט דעם בעל דרשן פאר'ן מאור עינים, ארויסברענגדיג אז אלעס וואס ער זאגט טייטשט ער זייער שיין אריין אין פסוק, און ס'שטימט מורא'דיג, און מען דארף גארנישט דרייען דעם פסוק.

האט דער הייליגער מאור עינים געזאגט אז דאס שטייט אין רש"י הק' "במלחמת רשות הכתוב מדבר", עס איז דא צוויי בחינות אין לערנען, עס איז דא לימוד לשמה און לימוד שלא לשמה, לימוד לשמה איז א מצוה, און לערנען שלא לשמה איז טאקע מותר אבער עס איז נאר א רשות, און עס ווערט אנגערופן מלחמת הרשות, און דאס זאגט דא רש"י "במלחמת הרשות", אז ווער עס לערנט תורה שלא לשמה, "הכתוב מדבר", ער דארף מסביר זיין די פסוק אז עס זאל אינגאנצן שטימען לויט ווי ער זאגט, און עס זאל אויסקומען ממש ווי דאס זאגט די תורה הקדושה.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

*

אויך ווערט דערציילט, אז א מאדערענע איד איז אמאל געקומען צו הרה"ק ר' מענדעלע מווישאווא זי"ע, און ער האט אים געפרעגט אז וואס איז פשט אז ווען א בעל דרשן זאגט א דרשה, טייטשט ער עס אזוי שיין אריין אין פסוק, אז עס זאל אינגאנצן שטימען, מה שאין כן ווען א רבי זאגט תורה דארף ער ברענגען גמטריאות און נוטריקון כדי עס זאל שטימען אין די פסוק.

האט אים רבי מענדעלע ווישאווער געענטפערט, אז עס שטייט אין פסוק "כי תצא למלחמה על אויביך", די מלחמה גייט ארויף אויף די מלחמת התורה, דאס מיינט אז ווען א רבי לערנט תורה און ער איז לוחם פאר די תורה, דעמאלס "ונתנו ה' אלקיך בידך" גיבט אים דער אייבערשטער איבער די פסוק אין זיין האנט און ער קען טון מיט'ן פסוק וואס ער וויל, ער קען עס דרייען מיט גמטריאות און נוטריקון אלע מיני וועגן, און אויף דעם לייגט רש"י הק' צו "במלחמת הרשות הכתוב מדבר", אז ביי מלחמת הרשות, ווען מען וויל סתם זאגן א טייטש בדרך צחות משל ומליצה, סתם צו מהנה זיין אנדערע מיט א שיינע פשעטל, און נישט אויף צו זאגן מוסר און צו לוחם זיין אויף די כבוד התורה, דעמאלס "הכתוב מדבר" דעמאלס דארף די תורה זיין פונקטליך מפורש אין די תורה און עס דארף אינגאנצן שטימען.

*

ווי באקאנט פלעגט הרה"ק רבי מאיר'ל מפרעמישלאן זי"ע אסאך מאל אריין טייטשן אינטערעסאנטע פשעטליך, און דורך דעם מוסר געזאגט פאר אידן, און אויך ממשיך געווען השפעות טובות פאר אידישע קינדער.

איינמאל האט אים א איד געפרעגט פארוואס דארף דער רבי אזוי אריינקוועטשן אין די פסוק זאכן וואס עס שטייט נישט דארט, מען קען זאגן שיינע תורות וואס שטימט י' גוט אינעם פסוק, און נאכדעם אנוואונטשן עקסטער.

האט ר' מאיר'ל געענטפערט דערויף, אז עס די הלכה איז אז ווען א איד וויל זאגן פאר זיין טאטע א הלכה, איז די דרך ארץ צו זאגן אבא כך כתוב בתורה, די זעלבע זאך, ווען עס קומט צו פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער קען מען נישט סתם זאגן פאר די רבוש"ע וואס צו טון, ממילא זאגט ער אבא כך כתוב בתורה, און אזוי קען מען ממשיך זיין ישועות פאר כלל ישראל.





# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדו"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק המהר"ל מפראג זי"ע

**דעם קומענדיגן דאנערשטאג כי תבא, ח"י אלול הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן מהר"ל מפראג, הרה"ק רבי יהודה לייב (ליוואי) בן הגאון רבי בצלאל זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער מהר"ל פון פראג איז געבוירן געווארן אין די שטאט פויזנא אין יאר רע"ב לפ"ק.

צופיל פרטים פון ווען דער מהר"ל האט געלערנט תורה, און צוגעקומען צו אזלעכע הויכע מדריגות, איז נישט באקאנט. עס זענען דא וואס צייגן אן אז דער מהר"ל פלעגט לערנען מיט דעם הייליגן מהרש"ל, און עס זענען פאראנען וואס געבן אן אז דער מהר"ל האט קיינמאל נישט געזאגט ווער זיינע רבי'ס זענען געווען, נאר פלעגט זיך אלעמאל אויסדריקן "שמעתי בקבלה מרבותי".

אין יאר שי"ג איז דער מהר"ל אויפגענומען געווארן צו דינען אלץ רב און ראש ישיבה אין שטאט ניקלשבורג. נאך צוואנציג יאר, אין יאר של"ג איז דער מהר"ל אריבערגעגאנגען אין די שטאט פראג, ווי דארטן אין שטאט האט ער געעפענט א בית וועד לחכמים, און מרביץ תורה געווען, און אויפגעשטעלט פילצאליגע חשוב'ע תלמידים.

פון צווישן די באקאנטע גרויסע תלמידים וואס דער מהר"ל האט אויפגעשטעלט ציילן זיך, דער הייליגער תוספות יום טוב, דער הייליגער כלי יקר, דער הייליגער צמח דוד. זכותם יגן עלינו.

אינעם בית וועד לחכמים האט דער מהר"ל אויך געגרינדעט עטליכע "חבורות", איינ'ס דערפון איז די היינט באוויסטע "חבריא קדישא" וואס דאס האט דער מהר"ל איינגעפירט, און דערמיט פירט מען זיך עד היום הזה.

אין יאר שמ"ד האט זיך דער מהר"ל צוריקגעקערט צו זיין היימשטאט פויזנא, און נאך פיר יאר, איז ער צוריקגעפארן קיין פראג, און זיך דארט באזעצט ביז זיין פטירה.

דער הייליגער מהר"ל האט זוכה געווען צו א שיבה טובה, זיינדיג זיבן-און-ניינציג יאר ביי זיין פטירה. ער איז נפטר געווארן אום ח"י אלול אין יאר שמ"ט לפ"ק, און איז געקומען למנוחת כבודו אין שטאט פראג.

דער מהר"ל האט מחבר געווען א אוצר פון ספרים וחיבורים וואס באלייכטן די וועלט מיט זיין וואונדערליכע חכמה.

פאלגענד זענען די נעמען פון די הייליגע ספרים וואס ער האט מחבר געווען: **גור אריה, גבורות השם, דרך חיים, נתיבות עולם, תפארת ישראל, באר הגולה, אור חדש, נר מצוה, ביאור אגדות חכמינו ז"ל, נצח ישראל.** דער מהר"ל האט אויך מחדש געווען חידושים נפלאים אויף ש"ס ופוסקים, רי"ף און מרדכי וכו'.

### געהיטן פון בלוט בלבולים פונעם געבוירן

עס איז באקאנט, אז דער הייליגער מהר"ל האט מיט זיין גרויסע און הייליגע קדושה אפגעשטעלט אסאך בלוט בלבולים וואס פיינטליכע גוים האבן געוואלט אונטערשטעלן פאר די אידן, כדי דערנאך קענען אזוי גערופן נקמה נעמען, און זיך טשעפענען מיט די אידן.

עס ווערט דערציילט אז גלייך ביים געבורט פונעם מהר"ל, האט ער שוין דאן אפגעשטעלט א בלוט בלבול אויף די אידישע געמיינדע.

דער מהר"ל איז געבוירן פסח אויפדערנאכט, און אינמיטן פראווענען די סדר, האט די מאמע געשפירט ווי זי פילט נישט גוט, איז זי דאן ארויס אויפ'ן גאס צו שעפן פרישע לופט. ארויסקומענדיג האט זי זיך אנגעשטויסן מיט א גוי, וועלכער האט געהאלטן א זאק אין זיין האנט.

זי האט גלייך פארשטאנען וואס דאס באדייט, זיכער פארמאגט ער דארט אינעם



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

*זכר חסידים לברכה*

| | | | |
|---|---|---|---|
| ט"ז אלול | הרב החסיד ר' ניסן משה בן ר' שלום ע"ה כהנא | תשע"ג | ביה"ח בקרית יואל |
| ט"ז אלול | הרב החסיד ר' יצחק בן ר' יוסף צבי ע"ה געלב | תשס"ב | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ז אלול | הרב החסיד ר' יהודה ארי' בן ר' צבי מרדכי ע"ה ארגעל | תשל"ט | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| י"ח אלול | הילד עקיבא שמחה ע"ה בן ר' יחזקאל הי"ו וואנחאצקער<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשנ"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

זאק א געפגר'טע גוי'איש קינד וואס ער וויל אונטערוואַרפן דא אין שטוב כדי צו קענען מאכן א בלוט בלבול, - וואס אין יענע צייט איז דאס ליידער געווען א אפטע ערשיינונג, צו אויפהייטערן די גוים מיט דעם שכל'לאזע קאנספאראציע אז אידן לייגן אריין בלוט אין די מצות.

די מאמע האט גלייך אנגעהויבן צו שרייען, און מאכן יאמערליכע קולות, כדי צו אנשרעקן דעם גוי, און דער גוי איז אנטלאפן מיטן זאק אין די הענט.

ווען דער גוי האט אנגעהויבן אנטלויפן פון די שטוב פונעם מהר"ל, האט ער נישט געזעהן ווי א גרופע וועכטערס וועלכע האבן אכטונג געגעבן אויף די שטאט זענען אין די געגענט, און ווען דער גוי האט אנגעהויבן צו לויפן, און די וועכטער האבן אים באמערקט מיטן זאק לויפן, האבן זיי צוזאמגעשטעלט אז זיכער האט ער אין די טונקלקייט פון די נאכט עפעס גע'גנב'ט, און האבן באלד געכאפט דעם גוי.

עפענענדיג דעם זאק, האבן זיי פונקטליך פארשטאנען זיין לויפן, און זיין ציל, און האבן אים גלייך געקייטעלט פארן וועלן אונטערשטעלן א בלוט בלבול פאר די אידן.

איבריג צו זאגן אז די אידן זענען ניצול געווארן יענע יאר בזכות פונעם מהר"ל פון א זיכער'ן בלוט בלבול וואס האט געקענט קאסטן אסאך פאר די אידן, אבער דאן האט זיך עס הערשט אנגעהויבן, און ווען דער מהר"ל איז עלטער געווארן האט ער ווייטער שטענדיג גערעטעוועט אידישע געמיינדעס פון שרעקליכע "בלוט בלבולים".

*

אין ספר מליצי אש ווערט געברענגט אז דער מהר"ל האט געפועל'ט ביים קייסער רודאלף אז ער וועט ארויסגעבן א באפעל, אז די ריכטער'ס טארן מער נישט צוהערן צו אט די פאלשע בלוט בלבולים.

## גדול ומהולל מאוד

מיר וועלן אראפברענגען עטליכע וואונדערליכע אויסדריקן וואס ווערט געברענגט אויפ'ן הייליגן מהר"ל, און דאס גיבט אונז א טיילווייזער באגריף איבער'ן הייליגן מהר"ל, וזל"ק:

**"נתגדל בקדושה ובטהרה על ברכי אביו, ועלה על כל בני גילו, ונעשה ארי שבחבורה, גאון הגאונים, איש אלקים קדוש וטהור, בקי בנגלה ובנסתר, שר גדול הי' ליהודים, כל חכמי דורו השכימו לפתחו"...**

דער סדר הדורות שרייבט אויפ'ן מהר"ל ווי פאלגענד: "**נזר החכמים, מופת הדור, מימיו שתו כל תפוצות ישראל, העמיד תלמידים הרבה ויסד בית המדרש הנקרא קלויז והרביץ תורה בתוכו**".

עס איז אויך כדי צו ציטירן עטליכע גאר שטארקע לשונות וואס שטייט אויסגעקריצט אויף זיין מציבה:

**איזן חיקר ותיקן הרבה גדרים בשל תורה ושל סופרים, עשות ספרים אין קץ חבר, ובכל חכמה ומדע ידו הרים, אין כמותו גבר בגברים, לו דומיה תהלה כי אין מספרים, רבן של כל בני הגולה...**

## די הייליגע ספרים פונעם מהר"ל

מיר וועלן אראפברענגען עטליכע לשונות איבער די גרויסקייט, וואונדערליכקייט, און סגולות, ארום די הייליגע ספרים וואס דער מהר"ל האט מחבר געווען.

דער הייליגער בני יששכר זי"ע שרייבט "**עס איז ידוע פאר יעדן, אז זיינע רייד זענען געזאגט געווארן דורך רוח הקודש, און ער האט זיך באניצט מיט די ספר יצירה**".

אין ספר שני המאורות ברענגט ער, "**די ספרים פונעם מהר"ל זענען מסוגל צו ניצול ווערן פון מינות ח"ו**".

דער הייליגער קאצקער זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט, "**די ספרי המהר"ל געבן אריין א שכל און פארשטאנד צו פארשטיין א שטיקל גמרא ופוסקים**".

דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע פלעגט גאר אסאך לערנען אין די ספרי המהר"ל, אזוי אויך פלעגט ער שרייבן דערויף הגהות.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל




# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

די חכמים ז"ל רופן עס אן תפילין[1]; ס'דא עטליכע פירושים דערויף; א. ס'טייטש א ויכוח, א בחינה פון א ויכוח מיטן אויבירשטען ווען מ'בעט ביים דאווענען[2]; ב. א לשון פון אפשיידן, דאס הייסט דורך די תפילין וועט מען ווערן אפגעשיידט פון מחשבות רעות, און מעשים מגונים[3]; ג. א לשון פון פלאות וואונדערליכע זאכן, ווייל דורך די תפילין וועט מען געדענקן די נסים ונפלאות וואס דער אויבירשטער האט געטון מיט די אידן[4]; ד. א לשון פון פארבאנד 'חיבור', דורך די תפילין האבן די אידן א דביקות מיטן אויבירשטען[5].

די בית פון די תפילין האט צוויי נעמען א. 'בית'[6]; ב. 'קציצה'[7].

## גוף נקי

כדי צו לייגן תפילין ווי מ'דארף, דארף מען קודם האבן א ריינעם גוף גוף נקי, דאס מיינט אז מ'זאל ארויסגיין אין ביה"כ צו ריינוגן די גוף פארן אנטון תפילין[8].

דעריבער זאל מען בודק זיין צו מ'דארף ארויסגיין, אבער ס'גענוג בדיקה, און אויב מ'דארף נישט ארויסגיין הייסט דאס מדינא א גוף נקי[9].

## די כוונה פון תפילין

ביי יעדע מצוה איז די הלכה אז מצות צריכות כוונה, דאס הייסט מ'דארף אינזין האבן בשעת'ן טון די מצוה אז 'מ'איז מקיים די מצוה פונעם אויבירשטען'. אויב האט מען נישט אינזין געהאט איז מען נישט יוצא[10], (בדיעבד איז מען יוצא אויב ס'איז ניכר פון זיינע מעשים אז ער טוט דאס צו מקיים זיין א מצוה[11]).

א מצוה וואס די תורה האט געשריבן א טעם דארף מען לכתחילה אויך אינזין האבן 'די טעם פון די מצוה'[12], אבער בדיעבד אז מ'האט נישט אינזין געהאט האט מען יוצא געווען.

מ'דארף אינזין האבן אז דער אויבירשטער האט געהייסן לייגן תפילין וואס ס'שטייט געשריבן אין זיי אז דער באשעפער איז איינציג (אין די פרשיות פון שמע און והי' אם שמוע), און די פרשה פון יציאת מצרים (אין די פרשיות פון קדש און והי' כי יביאך), און דאס דארף מען לייגן אויף די לינקע האנט קעגן די הארץ, און אויפן קאפ קעגן די מוח, כדי צו געדענקען די נסים ונפלאות וואס דער אויבירשטער האט געטון מיט אונז ביי יציאת מצרים, וואס די נסים ווייזן אז ער איז איינציג, און ער האט די כח און געוועלטיגקייט אויבן אין הימל און אונטן אויף אונזער וועלט צו טון ווי זיין רצון איז[13], (ביז דא די כוונת המצוה).

און אזוי וועט ער צוקומען און ער זאל טאקע טראכטן אז ער איז משעבד די נשמה וואס איז אין מוח ציט זיינע אלע חושים און כוחות[14], און די הארץ ווי די תאוות און מחשבות זענען, צום אויבירשטען[15], און אזוי וועט ער געדענקן דעם אויבירשטען, און נישט נאכגיין זיינע הנאות.[16]

אויב האט מען נישט אינזין די כוונה, שטייט אין ספרים הק' אז די תפילין וואס ליגן אויפן מח זענען אזוי ווי שטיינער ח"ו[17].

## לשם יחוד

שטייט אין די הייליגע ספרים אז פאר יעדע מצוה, זאל מען זאגן לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתי' וכו', און דעמאלטס אפילו בשעת ער טוט די מצוה האט ער עס נישט געטון ווי עס באדארף צו זיין לשמה, גייט עס נאכאלץ ארויף צום אויבירשטען, ווייל די דיבור וואס מ'האט געזאגט איז שטערקער פון די מחשבה 'דאתי דיבור של לשם יחוד ומפיק מידי מחשבה'[18]. און מיטן זאגן לשם יחוד האט דער סטרא אחרא נישט קיין רשות זיך צו מדבק זיין אין די מצוה[19].

וועגן דעם זאגט מען לשם יחוד פארן לייגן תפילין און אין דעם זאגט מען אויך די טעמי המצוה[20]. מ'דארף עס זאגן מיט כוונה ווייל אויב מ'זאגט עס אן כוונה איז מעגליך אז מ'האט גארנישט אויפגעטון[21]. (דעריבער איז א עצה טובה צו זאגן אין סידור)[22].

---

1 משניות (עירובין פ"י מ"א); מועד קטן (פ"ג מ"ד); נדרים (פ"ב מ"ב); גיטין (פ"ד מ"ו); שבועות (פ"ג מי"א); ידים (פ"ג מ"ג).

2 תוס' מנחות (לד : ד"ה לטוטפות) והוא כמו שדרשו בסנהדרין (מד:) ויעמוד פנחס ויפלל (תהלים קו ל) שעשה פלילות עם קונו.

3 הכתב והקבלה, והוא כמו כי הפלה ה' חסיד לו (תהלים ד ד ).

4 יפה ללב (סי' כה סק"ג).

5 והוא כמו נפתולי אלוקים נפתלתי (בראשית ל ח) ופירוש רש"י נתחברתי.

6 מנחות (לד:) שו"ע (סי' לב סל"ח) יעשה ארבעה בתים מעור אחד לשל ראש בית אחד לשל יד, והגר"א מצא רמז לכינוי תפילין בשם בית שהוא בגימטריא הר"ת של ארבעת הפרשיות קדש והי' כי יביאך שמע והי' אם שמוע שהוא תיב כמנין בית.

7 סוכה (כו:) אוחז ברצועה ואינו אוחז בקציצה, ופירש"י קציצה הן תפילין עצמן, והטעם לזה מפני שיש בתפילין של ראש ארבעה חדרים, תאים, וכל חדר הוא קצוץ ונפרד מחבירו.

8 שבת (מט.) 'אמר רבי ינאי תפילין צריכין גוף נקי כאלישע בעל כנפים', שו"ע (סי' לח ס"א) חולה מעיים פטור מתפילין הגה אפילו אין לו צער' ובמ"ב (סק"ב) 'משום דתפילין בעי גוף נקי'.

9 מ"ב (ס"י ב סקי"ג), ועי' נימוקי או"ח (סי' ג סק"ג); ובשו"ת חיי הלוי (ח"א סי' טו).

10 שו"ע (סי' ס ס"ד) 'וי"א שצריכות כוונה לצאת בעשיית אותה מצוה וכן הלכה'. ובמ"ב (סק"ח) ש'ואם לא כיון לצאת ידי חובתו בעשית המצוה לא יצא מה"ת, וצריך לחזור ולעשותה, ואפילו אם ספק לו אם כיוון אם הוא מצוה דאורייתא ספיקא לחומרא, כ"כ הפרמ"ג (סי' תקפט) ונ"ל דלא יברך אז על המצוה'. ועי' להלן.

11 מ"ב (סי' ס סק"י בשם החיי אדם); וע"ע דרך פיקודיך (הקדמה א סק"ה) שחולק על החיי אדם 'ובזולת כוונת הטעם אינו יוצא ידי חובת המצוה, דאל"כ יקשה לנו למה נכתבה דוקא זאת המצוה בטעם'.

12 מ"ב (סי' כה סקט"ו). וכן הדין באכילת מצה וישיבת סוכה. ודעת הערוה"ש (סי' כה ס"ח) שלא יצא, שכתב 'ודע שאפי' הפוסקים דס"ל מצוות א"צ כוונה מ"מ זהו ודאי שיש לו לידע עיקר המצוה ומהותה, ובתפילין אם לא ישים אל לבו ענינה כלל לא קיים המצוה והוי כמעשה קוף בעלמא'; אכן עי' במ"ב (סי' כה סקט"ו) 'כתב הפמ"ג בדיעבד אפילו לא כוון רק לשם מצוה בלבד יצא'.

13 טור (סי' כה ס"ה).

14 ואף שהנשמה מלאה כל הגוף כדאיתא בברכות (י) מ"מ עיקר במוח וע"י כחה שבמוח מושל על כל כחותיה שבגוף כמו שהראש מושל על הגוף, סידור בית יעקב (עמדין דף כח).

15 ואמרו בירושלמי (ברכות פ"א ה"ה) 'אמר הקב"ה אי את יהיב לבך לי אנא ידע דאת כולה דילי'; ואמרו במדרש רבה (במדבר רבה פ"י ס"ו) הלב חושב והלב מתאווה וכו' ולכן צוה יתברך להניח שם התפילין לקבל עול מלכות שמים בלב ונפש" (ביאור הגר"א סי' כה).

16 שו"ע (סי' כה ס"ה).

17 עטרת זקנים (בגליון שו"ע); ובספה"ק באר מים חיים (שופטים ד"ה על פי) דאם אינו מכוין במחשבתו ענין הד' פרשיות הרי הם כמונחים על הכותל או על הגג.

18 צעטל קטן, מאור ושמש (רמזי פסח ד"ה וזה יש לרמוז), קדושת לוי (בשלח), באר מים חיים. פלא יועץ (ערך דיבור); של"ה (מצות תפילין פ"ב אות ב): 'ואני רגיל לומר בזה הלשון: הריני מוכן ומזומן לקיים שמונה מצוות עשה אלו וכו' שציונו הקב"ה בהנחת תפילין לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה'. שבט מוסר (פל"א), ובארצות החיים (סי' כה סקכ"ט) וידוע דעת הנודע ביהודה בשו"ת (יו"ד ח"א סי' צג) נגד אמירת הלשם יחוד, ובדברי יחזקאל (מכתב מהרה"ק משינאווע זי"ע) שכבר מחו עליו גדולי שראל, והבעל שער תפלה (בעל באר מים חיים) זצ"ל, ובמאסף לכל המחנות (סי' כה סקל"ז) ככל הנ"ל, ושגם בסידור יעב"ץ הסכים לאמרו. ובמנהגי חת"ס (הוספות אות ב) שהכתב סופר זצ"ל אמר שאביו בעל החת"ס זצ"ל לא אמר לשם יחוד משום קפידת הנודע ביהודה, עכ"ז פעמים הי' מקנא באותן האומרים אותן.

19 אור לישרים (דרוש א).

20 והוא מיוסד ע"פ דברי השו"ע שכתב יכוין בהנחתם (לקוטי מהרי"ח).

21 ראה באר מים חיים (משפטים) 'הכל כמבואר באמירת לשם יחוד ואך לא באמירה תליא מילתא רק להיות הדברים האלה על לבבו לקבל עליו המלוכה וירצה לשעבד כל התאות אליו ולהכניס עצמו ביחודו יתברך' וכו' (וע"ש ד"ה ועל כן אמרו רז"ל).

22 מ"ב (סי' צג סק"ב) 'האריז"ל הי' מתפלל מתוך הסידור כדי שיכוין מאד, גם שלא להבליע נקודה, והכל לפי מה שמרגיש האדם בנפשו'.



בס"ד

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

בבית Tel. (450) 435-0209 בבנין הישיבה In Yeshiva (450) 430-6420 פאקס Fax (450) 433-9379

# זמני כניסה

אל הקודש פנימה

## אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

לקראת ימי הרחמים והרצון

**מיוחד לתושבי קריתינו הקדושה**

יהיה בעז"ה בימי

## ביום ב' - ג' פר' כי תבא
## וביום ב' - ג' פר' נצבים

**משעה 5:00 אחצ"ה עד 8:30 בערב**

## בחדר פרטי

למטה בבנין ביהמ"ד הגדול

**אח"כ לא יהא עוד זמני כניסה לפני יו"ט**

פועלט'ס אלעס גוטס

בברכת כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים גמורים

העומדים על משמרת הקודש









בעזהשי"ת

יעדער תושב הקרי גיבט א טאג

פרנס היום

$1,200

$100 פער חודש

א גוטע וואך טייערע עלטערן

ההורים מוסיפין!

פרנס השבוע • $3,600

והמוסיף מוסיפין לו על זכיותיו

פ' כי תצא •

כִּי טוֹב יוֹם בְּמִבְצָרֶיךָ

מיין בעסטע טאג אין ישיבה.




NUAH 845.513.0001

בעזהשי"ת, קרית מאנסי תו"א

למזל טוב

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

קול אומרים הודו את ה' צבאות

מרת אדל הענא פינא

עב"ג

הרב משה יצחק שליט"א

ביום שלישי שנכפל בו כי טוב לסדר ושמחת בכל הטוב (תבא) הבעל"ט

באולם תפארת עלקא

יצחק אייזיק פיש

אביעזר דניאל פיש

יודא אליעזר יונגער

---

ביו"ו עמ"י עש"ו

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

צ

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחינו וקימנו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין ולקרא בקריאה של חיבה
את קרובינו וידידינו לבא ולהשתתף בשמחתינו יום כלולת
בנינו היקרים שיחיו ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

**ישראל מרדכי** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

**טויבא** תחי'

שיתקיים בעהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר "יצו ד' אתך את הברכה וגו'" כי תבא י"ח אלול
שנת "קול חתן קול כלה" לפ"ק תשפ"ה
(ולמספרם Sep. 11)

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

בזאל "בית צירל"

255 BETH HALEVY, BOISBRIAND, QUEBEC J7E-4H4

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
שלמה צלא וב"ב
מאנסי ניו יארק

הורי הכלה
מנחם מענדיל ניימאן וב"ב
קרית טאהש, קאנאדא

---

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה

מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידנו

להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החשוב המופלג בתוי"ש

**שלמה** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

**חיי'** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ראשון פרשת כי תבוא, אור ליום י"ד אלול תשפ"ה לפ"ק

ולמספרם *Sunday, September 7*

קבלת פנים בשעה 6:15 בערב החופה בשעה 7:15 בדיוק

באולם לענעסי

*1275 36th Street, Brooklyn, NY*

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו

הורי החתן
יוסף צבי קליין
בן יצחק אייזיק ז"ל
וב"ב
קרית טאהש

הורי הכלה
אברהם אלי' אונגער
וב"ב

---

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

כמר **שמעון** נ"י

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה

מרת **צפורה מרים** תחי'

שיתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לסדר "ושמחת בכל הטוב" (כי תבא)
אור ליום ט"ז אלול תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם גינת קליין

14 RATZFERT WAY, MONROE, NY

ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
יואל ברוין וב"ב
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
משולם יודא וויינשטאק וב"ב
קרית יואל יצ"ו

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי
וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*


אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840

בעזהשי"ת




משובע שמחות וצהלה תבונה שפתי תהלה טללי גשמי ברכה בגוף ונפש ישינו במלא חפניים
זכות אבות יגן ויעמוד בעדינו להשפיע עלינו ובעקבי הצאן בנתיבי אבות יתדבקו לאורך ימים
לעת מבוא הגיענו ברוב ברחמיו וברוב חסדיו בדורות ישרים יתברכו ובנחת ותענוג כל הימים

בשבח והודאה טודה לקל על כל הטוב והחסד
אשר ברוב רחמיו גמלנו ולזמן הזה שהחיינו והגיענו
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
לשוש אתנו ולקחת חבל בשמחתינו שמחת כלולת בתנו היקרה

הכלה הבתולה המהוללה בתש"ק

מרת **אסתר הינדל** תחי'

עב"ג הבחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"ק

הרב **שמעון** שליט"א

בן מחותני פאר מקדושים
הרה"ג רבי **נפתלי שפיגעל** שליט"א מפאריצק
בן הגה"צ מאוסטריוו קאלישין זצ"ל חתן הגה"צ אדמו"ר מפאלטישאן שליט"א

שיתקיים ברצות השי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
**ביום רביעי לסדר "ובאו עליך כל הברכות"** כי תבא
י"ז אלול תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם September 10)

**באולם עטרת טשארנא**
790 N Main St, Spring Valley, NY 10977

קבלת פנים בשעה 7:00 והחופה בשעה 8:00

**השתתפותכם יהי' לנו לעונג רב**
ויהא רעוא שבזכות אבותינו הקדושים יושפע משמחה זו שפע ברכה שמחה וישועה
ובקרוב שמחות באהליכם ואז בעז"ה ישמח לבנו גם אנו

כעתירת ידידכם המחכה לקראת בואכם לשלום
**יהושע מרדכי לייפער וב"ב**
**מבאניא נאדווערנא**
בן לאאמו"ר הרה"צ רבי דוד י. זצללה"ה אדמו"ר מבאניא נאדווערנא קרית יואל יע"א
בלומינג גראוו יע"א

---

# ב

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשם יתברך
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף עמנו בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

כמר **דוב** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה

מרת **בילא שיינדל** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לסדר "ושמחת בכל הטוב" (כי תבא)
ט"ז אלול תשפ"ה לפ"ק ולמספרם SEP 9

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

**באולם בית רחל פאראדייס**
5 ISRAEL ZUPNICK DR, KIRYAS JOEL, NY 10950

ויה"ר בשמחתכם נשוב לכם כגמולכם הטוב
ידידכם המחכים לקבל פניכם בספ"י

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **חיים משה לוי בינער וב"ב** | **אברהם משה שניטצער וב"ב** |
| קרית טאהש יצ"ו | קרית יואל יצ"ו |

---

בעזרת השם יתברך

# מ

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון ▪ וקול שמחה ▪ קול חתן ▪ וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**שלום** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**שיינדל** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
**ביום ה' לסדר 'ושמחת בכל הטוב' (כי תבוא)**
י"ח אלול תשפ"ה ולמספרם SEP. 11
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
**באולם גינת אסתר ווילאמסבורג**
91 WALWORTH STREET
כניסה לנשים 96 SANFORD ST.
ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבינו גם אנו
המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| זיידא י. י. מאיראוויטש וב"ב | משה פנחס מאיראוויטש וב"ב |
| קרית טאהש יצ"ו | ברוקלין יצ"ו |

---

# ר

בעזרת השם יתברך

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים הי"ה

| הבחור החתן המופלג בתוי"ש | עב"ג הכלה הבתולה המהוללה |
|---|---|
| **שמעון** נ"י | **פיגא מרים** תחי' |

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' לסדר "ושמחת בכל הטוב" כי תבא
ט"ו אלול שנת תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 6:00 – החופה בשעה 7:00

באולם כתר ריזל
212 ווילסאן סטריט, ברוקלין, ניו יארק

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **יחזקאל צבי רעטעק** | **משה סטראלאוויטש** |
| ובי"ב | ובי"ב |

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי
וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת
נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת
שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו
ומוסדותינו
הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

ישיבתינו הק׳ ישיבה גדולה אור החיים:

## גרויסארטיגע סדר החזרה ובחינה בעל פה אויף גאנץ מסכת בבא בתרא

אין די לעצטערע וואכן בעפאר די יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש זי״ע איז אפגעהאלטן געווארן די גרויסע חזרה אויף אלע לימודים אין גמרא פון די פארלאפענע יאר, ווען לויט א פאראויס-געשטעלטע סדר החזרה האבן די תלמידים איבערגע׳חזר׳ט גאנץ מסכת בבא בתרא.

עטליכע מאל איז פארגעקומען גרעסערע סדרי הלימוד פון מערערע שעות רצופות, און סוף סדר האט מען גענומען א בחינה בכתב אויף די לימודים.

די חשוב׳ע מגי״ש הרה״ג ר׳ חיים סג״ל קרויס שליט״א האט כסדר אויפגעטרעטן מיט א שטארקע דיבורים פאר די תלמידי הישיבה, ווי ער האט ארומגערעדט פארשידענע ענינים ללימוד והתמדת התורה, און אויך שטארק ארויסגעברענגט אז די גרעסטע חיזוק פאר א תלמיד הישיבה איז אז מען קען זעהן ווי ווייט מ׳איז געשטיגן ביז אהער, און פון דעם נעמען די ריכטיגע שטופ אנצוגיין ווייטער.

די פארלאפענע זונטאג עקב, א טאג נאך חמשה עשר באב, וואס איז א פאסיגע צייט פאר התמדת התורה איז אויך פארגעקומען א שטארקע סדר הלימוד פון 5 שעה רצופות, און נאך די סדר הלימוד איז פארגעקומען א ספעציעלע דרשה דורך האי פה מפיק מרגליות כ״ק אדמו״ר מ׳חוסט שליט״א, מחותן פון כ״ק רבינו שליט״א, וואס במתק לשונו האט ער אנגעווארעמט די תלמידים ווייטער שוקד צו זיין על דלתי התורה מיט א התמדה און בהירות.

צום לעצט אין די רייע איז פארגעקומען א סדר הלימוד פון 7 שעה רצופות די פארלאפענע דינסטאג ראה העעל״ט, ווען כהכנה צו די יומא דהילולא קדישא פון רביה״ק זי״ע, האבן די תלמידי הישיבה אין לויף פון די סדר הלימוד איבערגע׳חזר׳ט בבחינת חוזר חזרה אלע לימודים צו קענען זיין גרייט אויף די פארהער און קונה זיין די מסכת בקנין נצח.

נאך די סדר הלימוד האט זיך אפגעשפילט די ריכטיגע קידוש שם שמים, ווען די תלמידי שיעור ב׳ האבן זיך פארהערט אויף איבער 100 בלאט גמרא אין מסכת בבא בתרא, און א גרויס חלק פון די תלמידים האבן זיך גאר פארהערט די גאנצע מסכתא 175 בלאט וועלכע זיי האבן געלערנט משך די פארלאפענע 2 יאר, די זעלבע האבן די תלמידי שיעור א׳ זיך פארהערט ביי די מגי״ש שקלא וטריא די ערשטע האלב פון מסכת בבא בתרא, קרוב צו 80 בלאט וועלכע זיי האבן געלערנט משך די גאנצע יאר.

עס איז געווען א ערהאבן בילד און א געוואלדיגע נחת רוח צוצוקוקן ווי די בחורים קענען די לימודים און די מסכת בעל פה ישר והפך, און עס איז אוודאי געווען די שענסטע און ריכטיגע כבוד פאר מרן רבינו הקדוש משמי מעל, ווען זיינע תלמידים שטייגן בתורה און פארהערן זיך אזויפיל בלעטער אין די טעג ארום זיין יומא דהילולא קדישא. עקסטער האט כ״ק מרן רבינו שליט״א ביי די דב״ק בעת די סעודת הילולא מיוחד לבחורי הישיבות אויך ארויסגעברענגט נחת רוחו וקורת לבבו, צוזעהנדיג ווי די ישיבה גדולה תלמידים הארעווען אויף די תורה הק׳ און פארהערן זיך אזויפיל בלעטער גמרא בעל פה.

אין די יעצטיגע פארבליבענע וואכן ביז סוף זמן קומט פאר די חזרת הלימודים בלימודי הלכה ווי מ׳לערנט און מ׳חזרט צו זיין גרייט אויף די פארהער אויף גאנץ הל׳ בשר וחלב וועלכע איז געלערנט געווארן משך די פארלאפענע יאר.

אשרי מי שגדול בתורה ועמלו בתורה!

*

## סוקסעספולע קאמפיין פאר קרן חתנים דישיבתינו הק׳

אין די פארלאפענע טעג איז פארגעקומען די יערליכע קאמפיין לטובת די גאר וויכטיגע ׳קרן חתנים לבושי מרדכי׳ דישיבתינו הק׳, וועלכע שטיצט א ברייטע תמיכה פאר די עלטערן פון תלמידי הישיבה בעת ווען מ׳שטייט אין תקופה פאר׳ן חתונה מאכן די תלמיד הישיבה.

קרן חתנים לבושי מרדכי גייט שוין צוריק צענדליגע יארן, ווען די קופה איז אוועקגעשטעלט געווארן בברכת הקודש פונעם מייסד הישיבה מרן רבינו הקדוש זי״ע, לעילו נשמתו פון בנו חביבו, איש

הצדקה והחסד, הרב הצדיק רבי מרדכי זי"ע, און פון דעמאלטס ביז היינט האט שוין די קרן פארטיילט הונדערטער טויזנטער דאלארן להכנסת כלה.

עס איז איבריג צו באשרייבן און ארויסברענגען די געוואלדיגע נחיצות פון אזא קריטיש צוועק, ווען רובא דרובא פונעם היימישן עולם טרעפט זיך אין שווערע חובות ווען מ'שטייט פאר חתונה מאכ'ן א קינד, און מיט די געלט וואס די קרן חתנים דישיבתינו הק' שענקט, גיבט דאס א געוואלדיגע רואיגקייט ווייטער אנצוגיין מיט די הכנות צו די חתונה אומגעשטערט.

אין די לעצטערע יארן איז די קרן חתנים פון פריש נתחדש געווארן מיט פרישע כוחות צו די צופרידנקייט פון אלע עלטערן מתלמידי הישיבה, און ווי יאר יערליך איז די פארלאפענע וואך פארגעקומען די קאמפיין ווי די תלמידי הישיבה האבן אנגערופן די באקאנטע קרובים און נאנטע ידידים אנשי שלומינו, ארויסצוהעלפן מיט א ברייטע שטיצע להחזקת הקרן.

בעת די סאמע ברען פון די קאמפיין, ווען די חשוב'ע תלמידי הישיבה האבן עוסק געווען אין די מצוה רבה ונשגבה צו שאפן געלט, איז אין א פלוצים'דיגע מינוט ערשינען כ"ק מרן רבינו שליט"א צווישן די תלמידי הישיבה, און זיך אומגעקוקט מיט א קענטיגע הנאה ווי די געטרייע תלמידים רופן ארום די באקאנטע צו מזכה זיין מיט די מצוה פון הכנסת כלה, און דערביי משמיע געווען ברכת הקודש זאגענדיג, "אז די שילוב פון חודש אלול איז דאך 'וצדקה תהיה לנו כי' וואס דאס איז א רמז אז אין חודש אלול איז א פאסיגע צייט צו מרבה זיין בצדקה, און אז די רבוש"ע וועט זעהן ווי זיינע קינדערלעך טוען צדקה וועט ער אויך טון מיט אונז א צדקה און אונז באשרייבן לכתיבה וחתימה טובה". און דערביי האט די רבי מאציל געווען ברכת קדשו להצלחה פאר די קאמפיין.

כל המשמח חתן וכלה זוכה לחמשה קולות!

קהל אור החיים - ביהמ"ד הגדול:

# נייע טישן און בענק אויסגערישט מיט פראכט

דעם דינסטאג כי תצא איז ב"ה אנגעקומען די לאנג ערווארטעטע נייע טישן און בענק פארן היכל ביהמ"ד הגדול והמפואר אין קריתינו הק', און זענען ארייגעפירט געווארן מיט פראכט גרייט צו באדינען די ציבור האלפים הזוכים להסתופף בצילא דמהימנותא קדישא, לקראת חג התשרי הבעל"ט, לשמחת לב כלל אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר.

ביי דעם געלעגנהייט טוען מיר זיך באדאנקן אין נאמען פון הנהלת קהלתינו הק', פאר אלע נדיבים בעם וועלכע האבן אריינגעכאפט די זכי' און מנדב געווען סכומים הגונים פארן 'שלחניך' קאמפיין, און מיט דעם געברענגט די נייע טישן און בענק לידי מעשה, ובפרט פארן געטרייען משמש בקודש מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו, ואוכלים פירותיהם בעולם הזה, והקרן קיימת לעולם הבא.

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק:

# ספעציעלע סדר החזרה און קלענערע בחינות קומען פאר אין בעפארברייטונג צום גרויסן פארהער אויף גאנץ הלכות מוקצה

אין די יעצטיגע טעג האבן תלמידי שיעור ב' זוכה געווען בס"ד צו שניידן די גוטע פירות, נאכן גוט אדורכלערנען מיט א טיפקייט און הבנה בהירה גאנץ הלכות מוקצה, שו"ע או"ח סימן ש"ח - ש"ט - ש"י, טור, ב"י, ד"מ, מחבר, רמ"א, מ"א ט"ז, שו"ע הרב, ועוד ראשונים ואחרונים.

אזוי די חשובע בחורים האבן געלערנט אלע שיטות און מהלכים מיט א געוואלדיגע קלארקייט, האט מען אנגעהויבן א ספעציעלע סדר החזרה מ'זאל עס קענען איבער'חזר'ן ס'זאל זיין כמונח בקופסא.

מ'האט איבערגע'חזר'ט גאנץ שו"ע הרב, וואס דארט איז מסודר יעדע הלכה, און מ'האט מסדר געווען נאך יעדע עטליכע סעיפים וואו ס'ווערט געענדיגט א ענין, פארהערט מען זיך ביים ספעציעלן בוחן הישיבה, און נאכן ענדיגן די אלע קלענערע חזרות און בחינות, וועט מען זיין גרייט זיך צו שטעלן צום גרויסן פארהער בע"ה אויף גאנץ הלכות מוקצה.

דער חשובער געטרייער ר"מ הרב הגאון רבי חיים הערש מייזעלס שליט"א האט צוגעשטעלט אייגנארטיגע שאלות הלכה למעשה ביי יעדע ענין, כדי עס זאל ארויסקומען קלארער די חזרה.

עס איז א נחת צו זעהן די געוואלדיגע עמילות התורה פון די חשובע בחורים, און די שמחה ושלות הנפש אויף די פנימ'ער וועלכע לייכטן מיט א שמחת התורה, ביים ענדיגן חזר'ן און זיך שטעלן על הבחינה די שיינע סוגיא פון הלכות מוקצה.

אויך בחורי שיעור ג' חזר'ן איבער אין די טעג גאנץ הלכות בישול והטמנה און גרייטן זיך צו די גרויסע פארהער בע"ה.

כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא.

*

# התרגשות'דיגער מסיבת לחיים צום פארענדיגן גאנץ הלכות תפלה פארגעקומען לתלמידי שיעור א'

דעם מאנטאג פר' כי תצא העעל"ט האבן תלמידי שיעור א' געפראוועט א התרוממות'דיגע מסיבת לחיים, לרגל די סיום פון שו"ע או"ח הלכות תפלה וואס איז פעסט אדורכגעלערנט די פארגאנגענע יאהר העעל"ט.

דער חשובע ר"מ הגה"צ רבי חיים סג"ל שליט"א האט מיט פאסיגע דיבורים שיין ארויסגעברענגט וואסערע זכי' די בחורים האבן מיטן דורכלערנען מיט א קלארקייט דעם וויכטיגן מקצוע, וואס איז נוגע מדי יום ביומו פאר יעדן בחור.

אין די טעג קומט פאר די חזרה וואו די בחורים חזר'ן איבער הלכות תפלה מיט א קלארקייט, מ'זאל דאס קענען געדענקן מיט א בהירות.

**בית מדרשינו מאנסי:**

# ווייטער'דיגע אנטוויקלונג פון הרחבת גבולי הקדושה דקהלתינו הק'

אין די לעצטערע וואכן און חדשים זענען די הנהלת קרן הבנין אריין אין א נייע פאזע, און געארבעט מיט איבערמידליכע כוחות צו קענען אויפשטעלן א פרעכטיגע צייטווייליגע ביהמ"ד מיט אלע צוגעהערן ווי עס פאסט זיך פאר א בית מקדש מעט, אויף א געשמאקע רחבות'דיגע פארנעם, ברוחניות ובגשמיות.

אין די יעצטיגע טעג ליידיגט מען אויס די גאנצע בנין הביהמ"ד און עזרת נשים, פון כמעט אלע ספרים און חפצים. די וואך שב"ק וועט פארקומען די לעצטע תפילות אין בית מדרשינו הישן, אינאיינעם מיט א שמחת ברית מילה ביי הר"ר יעקב שמעון ראבינאוויטש שליט"א מגי"ש בבית מדרשינו, וואס וועט בעז"ה געפראוועט ווערן שב"ק אינדערפרי נאכן דאווענען בהיכל הביהמ"ד.

מוצש"ק וועט מען אוועקטראגן אלע איבריגע חפצים און פריוואטע ספרים, און די סידורים און חומשים וספרי עבו"ע וואס מ'האט גענוצט שבת קודש. ומכאן הקריאה יוצאת צו אלע אנשי שלומינו וועלכע האבן נאך דארט איבערגעלאזט פריוואטע ספרים אדער חפצים, אז מען זאל דאס אוועקנעמען ביז שפעטסטנס מוצש"ק.

קומענדיגן זונטאג כי תבוא וועט מען בעז"ה אפהאקן די לעקטער און וואסער, און מאנטאג כי תבוא וועט מען אראפווארפן דעם בנין ביהמ"ד הישן.

אין די צייט פון די אנגייענדע ארבעט להרחבת גבולי הביהמ"ד מיטן אויפשטעלן די הערליכע צייטווייליגן בנין פון טרעילער'ס, וועלן די תפילות ושיעורים ווייטער אנגיין אינעם געדונגענעם לאקאל בבנין ביהמ"ד פרעמישלאן אויף העריק קארנער סטעפאנס, כדי שלא יבוטל התמיד.

די סדר וועט זיין ווי פאלגנד: די וואך שבת קודש וועט מען דאווענען געהעריג אינעם אלטן ביהמ"ד. במשך די וואכן טעג פון פרשת כי תבוא און נצבים סליחות וועלן די קביעות עיתים לתורה און די שיעור פון הרה"ג די דיין שליט"א פארקומען בהיכל בית המדרש פרעמישלאן, שב"ק פרשת כי תבוא און א' סליחות וועלן די תפילות פארקומען אין א באזונדערן היכל מיוחד בבנין ביהמ"ד פרעמישלאן. - אויף שבת קודש פרשת נצבים שבת ערב סליחות וועט מען בעזרת השם יתברך צוריק דאווענען אינאיינעם און באנייען דעם הערליכן פארגרעסערטן צייטווייליגן היכל הבית המדרש בשטח בית המדרש הישן. בשעת מ'וועט בעז"ה ארבעטן אויפן נייעם בנין החדש בתפארתו.

די הנהלת קרן הבנין לייגן אין די זעלבע צייט אריין ספעציעלע כוחות זיך צו רוקן שנעל פאראויס אויף די פלענער פונעם בנין החדש והמפואר. דעם דאנערשטאג האט מען געלייגט די ספעציעלע געיט ארום די שטח הבנוי', און דעם קומענדיגן דינסטאג נאך די בנין הישן וועט זיין אינגאנצן אראפ, וועט אסאך גרינגער ערמעגליכט ווערן די ענדגילטיגע נויטיגע עפראוועלס צו קענען אנהייבן מיט די פאקטישע גראב ארבעט אויף די יסודי הבנין.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.

**לאנדאן:**

# סעודת הילולא פון רביה"ק זי"ע בעיה"ב לונדון יע"א

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' ראה ז"ך לחודש מנחם אב יום כיפור קטן מוקדם, ביומא דהילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע, איז פארגעקומען א הערליכע סעודות הילולא קדישא ברוב פאר והדר, אין שטאט לאנדאן ווי עס געפינט זיך דער שיינער מקום לתורה ולתפילה, בית מדרשינו המפואר, אויף די 'פעירהאלט ראוד' גאס.

אין די שפעטער נאכמיטאג שעות איז מען זיך צוזאם געקומען אין ביהמ"ד ווי מ'האט אדורך געזאגט תהילים בציבור, נאך תפילת מנחה איז מען אריבער צום זאל "ישמח לב", ווי עס איז געווען צוגעגרייט א גאר שיינע סעודת ההילולא.

דער ציבור וואס איז באשטאנען פון תלמידים, חסידים ואוהדים

פונעם בעל ההילולא רביה"ק זי"ע האט זיך געוואשן צו דעם סעודת מצוה, עס איז געזינגען געווארן פון די הייליגע הארציגע ניגונים וואס מ'איז געוואוינט ביים רבי'ן זי"ע.

איינגעלייטעט די מסיבה הנהדרה האט דער לאנג יאריגער רוח החיים ועמוד התווך פון ביהמ"ד, און בכלל פון טאהש בעיה"ב לונדון, ה"ה הרה"ח מו"ה שמואל גרשון גראד הי"ו, וועלכער האט בתוך דבריו מדגיש געווען אז מ'האלט אצינד ביים יומא דהילולא העשירי פון רבי'ן זי"ע, ממילא האט מען באשלאסן צו מאכן די סעודת הילולא אויף א גרויסען פארנעם אין א גרויסען זאל ברוב עם, ווי אויך צוגעלייגט, אז מיט 6 יאר צוריק האט מען אנגעפאנגען צו לערנען בצוותא חדא משניות, צו פארענדיגען א סדר צום יאר, און אצינד האט מען פארענדיגט בעז"ה סדר טהרות און מיט דעם מסיים געווען גאנץ ששה סדרי משנה וואס איז אדורך געלערנט געווארן בעיון רב מוקדש לעי"נ דעם רבי'ן זי"ע.

מיטן סיום ששה סדרי משנה איז מכובד געווארן הרה"ח ר' יצחק גאלדבערגער שליט"א רב ומורה דרך ביהמ"ד רמ"א, ומרביץ תורה בישיבה גדולה ד'סאטמאר, נאך ער איז ארויף גערופן געווארן דריי אידן וואס האבן געקענט דערציילן סיפורים בתור "בדידי הוה עובדא" וואס זיי האבן פערזענליך מיטגעלעבט זייענדיג בצל הקודש פון רבי'ן זי"ע. קודם איז אויפגערופן געווארן איינער פון די עלצטער תלמידים אין גאנץ איירופא, ה"ה הרה"ח כהן שבעתו יפה מו"ה משה הכהן ראזענבערג הי"ו מחשובי ופארי ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב, וועלכער האט זוכה געווען צו זיין בישיבה של רבי עטליכע יאר פון שנת תשכ"ח, ווי אויך זוכה געווען לשרת ולשמש בקודש לפני ולפנים.

דער חשובע רעדנער האט מיט הארציגע דיבורים געשילדערט גאר שיינע זאכן וואס ער האט פערזענליך געהאט בקודש פנימה מיטן רבי'ן זי"ע.

נאכער איז אויפגערופן געווארן הרה"ח משמח אלקים ואנשים מו"ה ישראל שטערן הי"ו בן בתו פון כ"ק הגאוה"צ רבי שלמה בוימגארטען זצ"ל אב"ד ק"ק תורה עץ חיים וחבר הביד"צ דהתקה"ח, דער חשובע רעדנער מחשובי חסידי בעלזא האט דערציילט פון זיין גירסא דינקותא ווען דער טאהשער רבי זי"ע איז געווען דא אין לונדון, און ער איז אריבער צוזאמען מיטן זיידען ז"ל צום תפלת שחרית וואס איז דאן געווען אין ביקאווסקער ביהמ"ד (פינטער'ס), און שוין דאן האט דער זיידע איהם געזאגט דא ברענט א אש קודש און נאך אזעלכע אויסדריקען.

נאכדעם איז אויפגערופן געווארן א תלמיד פון רבי'ן זי"ע, ה"ה הרהגוה"ח ר' ישראל יעקב עקשטיין שליט"א ר"מ בלונדון, וועלכער האט געשילדערט מיט געני פארבען וואס ביים רבי'ן האט געמיינט זיך גרייטען צו א מצוה, נאכער די מצוה אליין, מ'האט דאס געזעהן בחוש מדי שבת בשבתו די אלע הכנות, נאכער דער עצם שב"ק און אזוי ווייטער.

די צענטראלע דרשה פון אווענט האט משמיע געווען הגה"צ בנש"ק רבי סיני דייטש שליט"א אב"ד ביהמ"ד שאץ, א איידעם פון מאנטריאל, וועלכער האט דארט געוואוינט עטליכע יאר, און כמה פעמים געווען ביים רבי'ן זי"ע בקרית טאהש, דער חשובע רב זייענדיג א פה מפיק מרגליות האט אנגעפאנגען מיט א שיינעם אריינפיר, זאגענדיג מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסים לאכול, באטאנענדיג אז באמת איז איבריג צו צולייגן נאכדעם ווען מ'האט געהערט די חשובע תלמידים ובמיוחד דער כהן וואס האט געשילדערט ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן די אכילה ביים רבי'ן זי"ע, דער רב האט ארויסגעברענגט וואס עס האט געמיינט בימים ההם זיך ארויסצוציען פון מאנטריאל ארויף ציר וואס האט בנגלה נישט געהאט קיין שום פשט, און ווי אזוי דאס האט זיך ברוב סייעתא דשמייא אויסגעברייטערט אויף אזא הערליכען פארנעם בליעה"ר.

עס איז שוין געווען שפעט אין אווענט ווען עס איז מכובד געווארן מיט ברהמ"ז הגה"צ רבי דוד משה שטערן שליט"א אב"ד סערנטש בן כ"ק הגה"צ רבי אברהם שמואל שטערן זצ"ל ראש ישיבת תורת חסד.










וַיְהִי הַקֶּשֶׁר אַמִּיץ וְהָעָם הוֹלֵךְ וָרָב!
אשריכם אנשי שלומינו
תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע!
צו
אלע
אנ"ש
וועמען
מ'האט
נאכנישט
דערגרייכט:
ערווארט בקרוב א
רוף פון הר"ר יצחק
נחום האמבורגער הי"ו
דער פערזענליכער
שליח קודש פון רבינו
הקודש והטהור זי"ע
און יבלחט"א כ"ק מרן
רבינו עט"ר שליט"א.
אדער זייט מקיים 'טרם
יקראו ואני אענה', און
רופט אים היינט מיט
אייער תרומת הקודש
בהתקשרות אל הקודש.
514.
651.
4174
עשירי קודש
סכומים אדירים
רבינו הקודש והטהור זי"ע בשמי
מעל וועט אלעמאל געדענקען אייער
קשר און ליבשאפט צו אים, צדקתא
לעם חבר"ב וסגיא זכותא!
המערך מעומק הלב
יצחק נחום האמבורגער

בס"ד
זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו
שמחם בבנין שלם
זכותו הגדול
של רביה"ק
זצוקללה"ה
תהא חופפת
עלינו כל הימים,
שנוכל לחנך
ולגדל לגיון של
מלך בחורים
יראים ושלימים
עפ"י רצון קדשו
ודרכו הטהורה
בהמשכת כ"ק
מרן רבינו
שליט"א.
בהתייעצות ובברכתו הטהורה של
כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
להתחיל לבנות
בנין גדול מפואר
להישיבה גדולה
בניו יארק יע"א
בשטח מיוחד מחוץ לעיר
לתועלת הבחורים החשובים
ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

כי תצא - תשפ"ה לפ"ק

## דינסטאג פר' שופטים

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם וויליאמסבורג, פארן עמוד האט געדאווענט מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו, דער רבי האט געבלאזן שופר. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער געבן שלום פארן רבי'ן.

פארנאכטס איז דער רבי' ערשינען ביים קבלת פנים פון החתן בן מוה"ר אלימלך ברה"ל קרויס הי"ו אין די זאלן פון כתר רייזל אין וויליאמסבורג. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

דערנאך האט דער רבי' אויפגענומען קבלת קהל בבית מדרשינו תפארת משולם. דערנאך האט דער רבי' געדאווענט מנחה ומעריב, פארן עמוד האט געדאווענט הרה"ח ר' משה שמעון פעלבערבוים הי"ו.

שפעטער איז דער רבי' צוריק אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך א באזונדערע טאנץ מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

## מיטוואך פר' שופטים

אינדערפרי האט דער רבי' געדאווענט שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם וויליאמסבורג, פארן עמוד האט געדאווענט מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו, און דער רבי' האט געבלאזן שופר.

ביינאכט איז דער רבי' צוריק אנגעקומען אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'. תיכף ביים אנקומען איז דער רבי' ערשינען בהיכל ביהמ"ד הגדול, וואו תלמידי ישיבה גדולה האבען עוסק געווען אינעם מגבית לטובת קרן נישואין, אנרופנדיג נאנטע און באקאנטע פאר סכומים הגונים.

דער רבי' האט זיך אומגעקוקט מיט הנאה און משמיע געווען ברכת הקודש ווייטער ממשיך צו זיין מיט די עבודת הקודש. דערנאך האט דער רבי' געדאווענט מעריב אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

נאך מעריב איז דער רבי' ערשינען אין די זאלן פון בית צירל, צום שמחת החתונה פון בת מוה"ר יחיאל מיכל יקותיאל פריעדמאן הי"ו חבר הנהלת התלמוד תורה, וואו דער רבי' האט געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך א עקסטערע טאנץ מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

## עש"ק פר' שופטים

אינדערפרי זענען אריין אל הקודש פנימה תלמידי ישיבת וויזניץ מאנסי, אינאיינעם מיט די מגידי שיעורים שליט"א, דער רבי' האט משמיע געווען דברות קודש דברי חיזוק והדרכה, און פארטיילט געבענטשטע האניג לשמירה ברכה והצלחה, ולשנה טובה ומתוקה.

## שבת קודש פר' שופטים

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי' ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי' איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים עריכת שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול איז מיט הגבהת הכוס צו קידוש מכובד געווארן הב' יעקב יוסף שווארץ נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אב"ד אפטא שליט"א, אדמו"ר מ'מבקשי השם שליט"א, הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו, הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרה"ח ר' חיים ישעי' גראס הי"ו, ממנהלי קרן הצלה ניו יארק.

דער רבי' האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי' מכבד געווען הרה"ג אב"ד אפטא שליט"א, שיר המעלות הב' אברהם משה לעווין נ"י פון ניו יארק. שבח נותנים הרה"ח

ר׳ יושע לעווין הי״ו.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן ׳א גוט שבת׳.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מו״ה משה לייב בר״י סג״ל קרויס הי״ו, שחרית האט געדאווענט מוה״ר אליעזר זוסיא סג״ל קרויס הי״ו חבר מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה״ח ר׳ מרדכי מאיר לאנדאוי הי״ו פון וומסב״ג, לוי אב״ד טשענגער לעיקוואד שליט״א, שלישי אדמו״ר מ׳מבקשי השם שליט״א, רביעי הרה״ח ר׳ חיים פריעדמאן הי״ו, חמישי הרה״ח ר׳ משה זילבערשטיין הי״ו, ששי אב״ד אפטא שליט״א, שביעי מוה״ר יחיאל מיכל פריעדמאן הי״ו חבר הנהלת תלמוד תורה, הוספות: הרב יצחק אייזיק גאלדשטיין שליט״א נכד רביה״ק זי״ע, החתן אברהם נתנאל ליעבערמאן ני״ו, החתן נתן דוד זילבערשטיין ני״ו. אחרון החתן ישראל מנשה לאנדא ני״ו תלמיד ישיבתינו הק׳ און עס איז פארגעקומען די באווארפן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לזקינו הרה״ק בעל תוספות יו״ט זי״ע לרגל די הילולא קדישא, און די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה״ח ר׳ פנחס ארי׳ גרינוואלד הי״ו. הגבה מו״ה משה יוסף קליין הי״ו פון קרית יואל, גלילה הב׳ נפתלי צבי ראזענבוים ני״ו נכד רבינו שליט״א.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ פנחס ארי׳ גרינוואלד הי״ו. פתיחה צו אנעים זמירות הרה״ח ר׳ יצחק הלוי פריעדמאן הי״ו פון ניו יארק.

⋄

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב׳ ישראל קרויס ני״ו תלמיד ישיבה גדולה

אז ביום השביעי הרה״ח ר׳ אהרן פאללאק הי״ו פון וומסב״ג, דער רבי האט געבענטשט ברהמ״ז על הכוס לרגל די הילולא קדישא פון זקינו הרה״ק התוספות יו״ט. הגבהת הכוס הב׳ אלימלך סג״ל קרויס ני״ו תלמיד ישיבה גדולה, שיר המעלות הב׳ צבי הירש פיש ני״ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי׳ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת נאכמיטאג האט הרב אלחנן חיים כ״ץ שליט״א נכד רביה״ק זי״ע פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ״ד הגדול

צו מנחה איז צוגעגאנגען מו״ה זאב דוב קרויס הי״ו. די עליות האבן עולה געווען ראשון רבינו שליט״א, שני הרה״ח ר׳ אלי׳ שפיטצער הי״ו, שלישי הרה״ח ר׳ חיים פנחס צוויבל הי״ו, הגבה כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, גלילה מוה״ר בנימין זאב זילבערשטיין הי״ו פון קרית יואל.

קידוש און דברי תורה ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען גיסו הגדול כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה״ר נפתלי צבי חיים לאנדאוי הי״ו, מוה״ר בנימין זאב זילבערשטיין הי״ו פון קרית יואל, הרה״ג ר׳ אלעזר ליעבערמאן שליט״א ראש חבורת עבודת עבודה וויליאמסבורג, אב״ד טשענגער לעיקוואד שליט״א.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה״ח ר׳ פנחס ארי׳ גרינוואלד הי״ו, שיר המעלות הב׳ יחיאל מיכל ליעבערמאן ני״ו. מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווען כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, אב״ד טשענגער לעיקוואד שליט״א, הרה״ח ר׳ חיים פנחס צוויבל הי״ו, הרה״ח ר׳ משה זילבערשטיין הי״ו, הרה״ח ר׳ יצחק פריעדמאן הי״ו, ברכה אחריתא כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ פנחס ארי׳ גרינוואלד הי״ו, נאך מעריב האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה בחצר ביהמ״ד הגדול, דערנאך איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן א גוטן חודש.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס מוה״ר אברהם יוסף פריעדמאן הי״ו פון מאנסי, די הבדלה האט געהאלטן החתן ישראל מנשה לאנדאוי הי״ו.

דערנאך האט דער רבי פארציילט שיחות קודש, דערנאך מכבד געווען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק צו פארציילן, לרגל די יארצייט פון דודו הרה״ח ר׳ דניאל זוסמאן ע״ה.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.






## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת כי תבא =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק כי תצא | נח: | נה. | חזרה | חזרה |
| זונטאג יום הבחינה | נט. | נה: | קו. | קב: |
| מאנטאג | נט: | נו. | קו: | קג. |
| דינסטאג | ס. | נו: | קז. | קג: |
| מיטוואך | ס: | נז. | קז: | קד. |
| דאנערשטאג | סא. | נז: | קח. | קד: |
| עש"ק | סא: | נח. | חזרה | חזרה |

## בחינה הבאה ביום א' פרשת כי תבא

מס' עבו"ז: מא:-נה. | מס' בבא בתרא: צב.-קב.

## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**